**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און מערהייט פירער שוממער מעלדן מערסטנס 43 מיליאן דאלער אין פעדעראלע געלטער צו שטיצן קאמיוניטיס לענגאויס פראפעל NY ענערגיע אריבערפירונג ליניע**

***אינפלאציע פארמינערונג אקט טיילונג צו שטיצן סוסטעינעבל קאמיוניטיס איניציאטיוו אין דיסטריקטס וואס האבן נישט גענוג ריסאורסעס אין דרום-מזרח ניו יארק***

***געלטער פאר ענערגיע שפארנדע פראיעקטן, ריינע ענערגיע עדיוקעישן, און ארבעטספארס טרענירונג***

גאווערנער קעטי האקול און מערהייט פירער שוממער האבן היינט געמאלדן אז ניו יארק וועט באקומען מערסטנס 43 מיליאן דאלער אין U.S. דעפארטמענט פאר ענערגיע ( U.S. Department of Energy, DOE) געלטער צו בענעפיטן קאמיוניטיס וואס געפונען זיך לענגאויס די פראפעל NY ענערגיע אריבערפירונג ליניע. די פראפעל אריבערפירונג ליניע א 90-מייל חידוש'פולע עלעקטראנישע אריבערפירונג פראיעקט וואס וועט זיין מער פארלעסליך, וועט פארבעסערן שטאנדהאפטיגקייט און עס וועט איבערגעבן ריינע ענערגיע-ארייגערעכנט אפפשאר ווינטן-דורך עלעקטראנישע גריד פארשריטן אין טייַלן פון לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און וועסטשעסטער קאונטי. די ניו יארק קראפט אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA), וועלכע אנטוויקלען די ליניע מיט New York Transco, פלאנט צו נוצן די געלטער פאר די פראפעל NY ענערגיע סוסטעינעבל קאמיוניטיס איניציאטיוו צו שטיצן ענערגיע שפארנדע פראיעקטן אין לאקאציעס אזויווי לאקאלע שולעס, האוזינג אויטאריטעטן, און קאמיוניטי סערוויס אגענטורן, ווי אויך אנטוויקלען ריינע ענערגיע עדיוקעישן און ארבעטספארס טרענירונג און קאריערע געלעגנהייטן פאר איינוואוינער אין קאמיוניטיס וואס האבן נישט גענוג ריסאורסעס.

"מיר גייען פאראויס צו א פארלעסליכע ריינע ענערגיע גריד וואס וועט זיין גינסטיג פאר אלע ניו יארקער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אריבערפירונג פראיעקטן אזויווי פראפעל NY וועט אונז העלפן נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג פאר ריינע ענערגיע און פארזיכערן אז די גריד איז שטאנדהאפטיג ווען עס טרעפט זיך אן מיט ערנסטע וועטערס. איך אפלאדיר דיביידען-האריס אדמיניסטראציע'ס באמיאונגען צו שטיצן קאמיוניטי צוזאמענארבעט בשעת ניו יארק בויט ווייטער א גרינע עקענאמיע."

**U.S. סענעט מערהייט פירער טשוק שוממער האט געזאגט,** "די באדייטנדע 43 מיליאן דאלער פעדעראלע אינוועסטמענט פאר קאמיוניטיס אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי איז ערמעגליכט געווארן דורך די אינפלאציע פארמינערונג אקט I געפירט דורך קאנגרעס, און פלאסטערט די וועג פאר די תקופה פון צוגענגליכע און באנייענדע ענערגיע אין ניו יארק. די פאנדינג שטיצט ריינע-ענערגיע עדיוקעישן און אנטוויקלט פאסטן געלעגנהייטן לענגאויס לאקאלע שולעס, האוזינג אויטאריטעטן און קאמיוניטי סערוויס אגענטורן. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט פאר און פארזיכערט די וויכטיגע פעדעראלע פאנדינג אין די אינפלאציע פארמינערונג אקט וואס גאווערנער האקול נוצט גוט אויס צו שטיצן די אמביציעפולע צילן פון ניו יארק'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט, ריינערע לופט

פאר אונזערע קאמיוניטיס און א לעכטיגערע צוקומפט פאר די קומענדיגע דור. איך וועל ווייטער קעמפן פאר פעדעראלע אינוועסטמענטס וואס שטיצן ריינע ענערגיע פראיעקטן וואס וועט איבערמאכן ניו יארק'ס קראפט גריד און עקענאמיע."

די אריבערפירונג סייטינג און עקענאמישע אנטוויקלונג טיילונגען, וועלכע זענען געשאנקען געווארן צו 20 פראיעקטן לענגאויס 16 שטעט דורך DOE מיטוואך, וועט פארמערן די ערלויבעניש פאר הויכע-וואלטעדש, אינטערסטעיט אריבערפירונג פראיעקטן, פארשנעלערן די בויאונג פון א שטאנדהאפטיגע און פארלעסליכע עלעקטראנישע גריד. די פונקטליכע סומע פון געלט וועט זיך ווענדן אויף באלוינונג פארהאנדלונגען, וואס קען נעמען מערסטנס 120 טעג. די פאנדינג איז ערמעגליכט געווארן דורך די אינפעסטרוקטור אינוועסטמענטס און פאסטנס אקט.

די פראפעל NY ענערגיע סוסטעינעבל קאמיוניטיס איניציאטיוו וועט אריינגעמען לאקאלע קאמיוניטיס וואס זענען נאנט צו די פראפעל אריבערפירונג ליניע, אפערנדיג ענערגיע שפארנדע פראיעקטן, ריינע ענעריגע טרענירונג עדיוקעישן, א ריינע ענערגיע קאריערעס פראגראם, צוקומפטיגע ענערגיע פירער סקאלערשיפס, סטודענט ענדשענירינג פרואוואונגען, ערוואקסענע ענערגיע ליטאראר פראגראמען, און גרינע קלאסצימער פראגראמען.

**ניו יארק קראפט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO יוסטען ע. דריסקאל האט געזאגט,** "די ניו יארק קראפט אויטאריטעט איז צופרידן צו זיין אויסדערוועלט פאר די אריבערפירונג סייטינג און עקענאמישע אנטוויקלונג געלטער ערמעגליכט דורך די איפלאציע פארמינערונג אקט. ארויפארבעטן ניו יארק'ס אריבערפירונג אינפעסטרוקטור איז קריטיש פאר די שטאנדהאפטיגקייט און פארלעסליכקייט פון ניו יארק'ס גריד, און די פעדעראלע געלטער וועלן העלפן פארזיכערן אז קאמיוניטיס וואס האבן נישט גענוג ריסאורסעס לענגאויס די פראפעל NY ענערגיע ליניע'ס וועג קענען מיטלעבן אפילו גרעסערע בענעפיטן פון ניו יארק'ס וואוקסנדע ריינע ענערגיע עקענאמיע."

**New York Transco פרעזידענט וויקטאר מאלין האט געזאגט,** "New York Transco פילט פאר כבוד צו ארבעטן צוזאמען מיט US DOE, NYPA און לאקאלע קאלעגעס צו ברענגען נייע הילפסמיטלען צו קאמיוניטיס לענגאויס די פראפעל NY ענערגיע וועג. די געלטער גייט גאר גוט צוזאמען מיט די פילע בענעפיטן וואס פראפעל NY וועט ברענגען צו ניו יארקער - א מער פארלעסליכע גריד, פאסטנס און ארבעטספארס געלעגנהייטן, עקענאמישע וואוקס, און קאמיוניטי און ענווייראמענטל געזונטהייט."

**סעניטער קירסטען גיליבראנד האט געזאגט,** "היינט זענען מיר אנטשלאסן צו מאכן וואקסן די נומער פון לאקאלע ריינע ענערגיע פאסטנס בשעת'ן ארויפארבעטן פארלעסליכקייט, שטאנדהאפטיגקייט, און די איבערגעבונג פון ריינע אנערגיע אין ניו יארק קאמיוניטיס וואס האבן נישט גענוג ריסאורסעס. די פעדעראלע געלטער דורך DOE וועלן שטיצן ריינע ענערגיע עדיוקעישן און פאסטן געלעגנהייטן פאר ניו יארקער. איך בין שטאלץ צו האבן צוגעהאלפן די געלטער און איך וועל ווייטער קעמפן פאר פעדעראלע ריסאורסעס צו פארמערן ריינע ענערגיע פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט."

די פראפעל אריבערפירונג ליניע וועט פארשטערקערן די ריקנביין פון די עלעקטראנישע גריד מיט פארמערטע אריבערפירונג מעגליכקייטן דורכ'ן בויער נייע אונטערערדישע און סאבמארי אריבערפירונג ליניעס אין עקזיסטירנדע פאבליק פריארייטעטן און סאבסטעישן פאסיליטיס איבער לאנג איילענד, אין ניו יארק סיטי, און לענגאויס וועסטשעסטער קאונטי. פראפעל וועט שנעלערהייט און קאסט-אפעקטיוו איבערגעבן ריינע ענערגיע פאר הייזער און ביזנעסער וואס בענעפיטן פאר אלע ניו יארקער און העלפן די סטעיט דערגרייכן קריטישע ריינע ענערגיע צילן. ווארטנדיג אויף לעגאלע צושטומונגען, קוקט פראפעל NY ענערגיע בוי-ארבעט ארויס אנצוהויבן אין 2026 און אריינצוגיין אין באנוץ אין 2030.

די צוזאמענארבעט פון NYPA און NY Transco שטעלט פאר צווי ניו יארק אינסטיטוציעס מיט אויפגעוויזענע רעקארדס אין מוסטער, ערלויבעניש, בוי-ארבעט און ווירבלדיגע קאמיוניטי צוזאמענארבעט און פארצווייגטע אריבערפירונג פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט. די קראפט אויטאריטעט, די פאלק'ס גרעסטע שטאטישע יוטיליטי, פירט די ארבעט פון 1,550 סערקיט מיילן פון אריבערפירונג לענגאויס ניו יארק סטעיט. NY Transco איז א פריוואטע, ניו יארק דעוועלאפער, אייגנטומער און אפערעיטאר פון ניו יארק-באזירטע גרויסע אריבערפירונג פאסיליטיס.ביידע איינהייטן האבן אומאפהענגיג געוואונען פריערדיגע פארמעסטנדע אריבערפירונג ביד פראצעדורן און בויען יעצט ריינע ענערגיע אריבערפירונגען לענגאויס די שטאט.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויינגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו עררייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע פונקט פון די אריבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון $28 ביליאן אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, $6.8 ביליאן צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, $3.3 ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט $3 ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און 130 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, איבער 500 ריינע ענערגיע קאמיוניטיס, און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט אויפזיכט איניציאטיוו אין 10 באזייטיגטע קאמיוניטיס איבער די סטעיט צו העלפן באקעמפן לופט פארפעסטיגונג און קלימאט טויש.

**וועגן NYPA**

NYPA איז די גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, אפערירנדיג 17 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,550 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס. מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבל הײדראָ-פּאַווער. NYPA פינאנצירט אירע אפעראציעס דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט אינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און גייט אונדז נאך אויף Facebook, Twitter, Instagram, Tumblr און LinkedIn.

**איבער New York Transco**

ניו יארק (NY Transco (Transco איז א ניו יארק-באזירטע אייגנטומער, אפערירער און דעוועלאפער פון גרויסע עלעקטראנישע אריבערפירונג פאסיליטיס מיט א מיסיע איבערצוגעבן חידוש'פולע עלעקטראנישע אריבערפירונג לעזונגען שנעלערהייט און מיט זיכערהייט, וואס ארבעטן ארויף ריינע ענערגיע די בעסטע צו סערווירן קאסטומערס, קאמיוניטיס און די סביבה. NY Transco איז אונטער די אייגנטום פון טיילן פון Avangrid, National Grid, Con Edison, און CH Energy Group. פארענדיגטע פראיעקטן ענטהאלטן Ramapo צו Rock Tavern, Frasers-Coopers Corners און Staten Island Unbottling. NY Transco בויט יעצט די ניו יארק ענערגיע לעזונג אין די האדסאן וואלי,

די Rock Tavern to Sugarloaf פראיעקט אין אראנדש קאונטי און Dover סטאנציע פראיעקט אין דאווער, NY. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.NYTransco.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן